10 מאַן; דערפֿאַר איז די פֿרוי מחויב צו האָבן (אַ צייכן
פֿון מאַנס) הערשאַפֿט אויפֿן קאָפּ פֿאַר די מלאכים׳ס
11 וועגן. דאָך איז נישט די פֿרוי אָן דעם מאַן, נישט
12 דער מאַן אָן דער פֿרוי אינם האַר. ווייל ווי די
פֿרוי איז פֿון דעם מאַן, אַזוי איז דער מאַן אויך
13 דורך דער פֿרוי; אַלץ אָבער איז פֿון ג־ט. משפּט
איר בײַ זיך אַליין: איז עס שיין, אַז אַ פֿרוי זאָל
14 תפילה טון צו ג־ט אומפֿאַרהילטערהייט? צי לערנט
דען אײַך נישט די נאַטור אַליין, אַז אויב אַ מאַן
האָט לאַנגע האָר, איז עס אַן אומכּבֿוד פֿאַר אים?
15 אַ פֿרוי אָבער, אויב זי האָט לאַנגע האָר, איז עס איר
פּראַכט; ווייל די לאַנגע האָר זענען איר געגעבן
16 געוואָרן ווי אַ שלייער. אויב אָבער עמיצער האָט
בדעה צו זײַן אַ ליבהאָבער פֿון מחלוקות, האָבן מיר
נישט אַזאַ געוווינהייט, די קהלות פֿון ג־ט אויך
נישט.

17 און אָנזאָגנדיק אײַך דאָס דאָזיקע, לויב איך אײַך
נישט, ווייל איר קומט זיך צונויף נישט צום בעסערן,
18 נאָר צום ערגערן. וואָרום ערשטנס הער איך, אַז
ווען איר פֿאַרזאַמלט זיך אין דער קהלה, זענען
פֿאַראַן מחלוקות צווישן אײַך; און אַ טייל דערפֿון
19 גלויב איך. וואָרום עס איז נייטווענדיק, אַז עס
זאָלן זײַן בײַ אײַך כּתות, כּדי די אויסגעפּרוּווטע
20 זאָלן באַקאַנט ווערן צווישן אײַך. און ווען
איר קומט זיך צוזאַמען, איז עס נישט כּדי צו עסן
21 די סעודה פֿון דעם האַר; וואָרום יעדער איינער
נעמט פֿאָרויס זײַן אייגן מאָלצײַט בשעת דעם עסן;
און איינער איז הונגעריק, און אַן אַנדערער איז
22 שיכּור. צי האָט איר דען נישט קיין הײַזער, (וואו
צו עסן און טרינקען? אָדער זענט איר מבֿזה די
קהלה פֿון ג־ט? און פֿאַרשעמט די, וואָס האָבן נישט?